בס"ד

חיי שרה תשפ"ה

גליון 214

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיעֶרע קִינְדֶער זָאלְט איר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהרי"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## הֲיִתָּכֵן, בִּין אִיךְ וֶוערְן דֶעם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנְט מֶען ווִי שְׁטַארְק אִיז דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה פוּן יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד. אַבְרָהָם אָבִינוּ בֶּעט פוּן זַיין קְנֶעכְט אֱלִיעֶזֶר עֶר זָאל גֵיין זוֹכְן אַ כַּלָּה פַאר יִצְחָק. גְלַייךְ וֶוען אֱלִיעֶזֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט אֲרַם נַהֲרַיִם, דֶערְצֵיילְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה ווִיאַזוֹי עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת "וַיֹּאמַר ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם וַעֲשֵׂה חֶסֶד עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם", אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער דֶער הַאר פוּן מַיין הַאר אַבְרָהָם, שִׁיק מִיר דִי רִיכְטִיגֶע אוּן פַּאסִיגֶע כַּלָּה פַאר יִצְחָק. דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטְרָאפְן רִבְקָה הָאט עֶר גֶעגֶעבְן אַ דַאנְק פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן "וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם אֲשֶׁר לֹא עָזַב חַסְדּוֹ.

אַמָאל אִיז אַ קְלֵיין אִינְגְל גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיט'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֵיינְט הִתְבּוֹדְדוּת? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֲיִתָּכֵן עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין מַיינֶע טֶעג מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקַייטְן, בִּין אִיךְ וֶוערְן דֶעם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן?" אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דִי וַואנְט אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן רל"ט). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְן אֲפִילוּ מִיט קִינְדֶער, אַרַיינְצוּגֶעבְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מְחַנֵּךְ זַיין ווִיאַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַרַיינְצוּלֵייגְן כּוֹחוֹת אִין דַאוֶונֶען.

דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט נָאכְדֶעם "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" יִצְחָק אָבִינוּ אִיז אַרוֹיס אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, פוּן דֶעם פָּסוּק לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען תְּפִלַּת מִנְחָה, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָוארֶענֶען אַז "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַייעֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן מִנְחָה, דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה, אוּן חָלִילָה קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין דִי תְּפִלָּה.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" אַז יִצְחָק אִיז מְרַמֵּז אוֹיף "פַּחַד יִצְחָק" אוֹיף מִדַּת הַגְּבוּרָה, דָאס מֵיינְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי מִדַּת הַדִּין, בְּאֹפֶן פְּרָטִי אָדֶער בִּכְלָלִיּוּת, דַארְף עֶר פַארְמֶערְן אִין דִי עֲבוֹדָה פוּן "לָשׂוּחַ" דָאס מֵיינְט "הִתְבּוֹדְדוּת" רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער,

המשך אויף זייט 6



# דאס האב איך געזוכט

## הֶחָסִיד ר׳ שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער זצ״ל

צְווִישְׁן דִי בַּאקַאנְטֶע עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי׳ן אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען דֶער חָסִיד ר׳ שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער זצ״ל וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעווּמֶען בַּיי אַלֶע יְרוּשָׁלַיִ׳מֶער אִידְן אִין יֶענֶער צַייט מִיט זַיין גְרוֹיס צִדְקוּת און יִרְאַת שָׁמַיִם, ר׳ שְׁלֹמֹה אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דַייטְשְׁלַאנְד צוּ זַיין טַאטְן דֶער גָּאוֹן און צַדִּיק ר׳ פִּנְחָס מֹשֶׁה אֶלְחָנָן זצ״ל וָואס אִיז גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט הֶעכְבֶּערְג.

אִין יֶענֶע תְּקוּפָה הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֶע וִוינְטְן פוּן הַשְׂכָּלָה וִוילְד גֶעבְּלָאזְן, ר׳ שְׁלֹמֹה וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער און וואוֹילֶער נְשָׁמָה נָאךְ פוּן אַלְס קְלֵיין קִינְד, הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים פוּן שְׁטָאט וָואס דִי הַשְׂכָּלָה הָאט זֵיי שׁוֹין פַארְבְּרֶענְט וֶוען דִי פְרֶעמְדֶע דֵעוֹת הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְשְׁט אִין זֵייעֶר מֹחַ, דֶערִיבֶּער פְּלֶעגְט עֶר אַסַאךְ שְׁטְרֶעבְּן און זוּכְן אַ רִיכְטִיגֶע וֶועג, וואוּ מֶען קֶען גֶעפִינֶען פְרִישֶׁע וַואסֶער פוּן אַ רֵיינֶער קְוַואל, וָואס זָאל בַּארוּאִיגְן און אָנְפִילְן זַיין בֶּענְקֶעדִיגֶע הַארְץ.

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִין דֶער יוּנְגֶער שְׁלֹמֶה׳לֶע אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט, וואוּ עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ בַּאזוּכְן זוּכְנְדִיג אַלְטֶע און נִישְׁט בַּאקַאנְטֶע סְפָרִים, אֶפְשָׁר דָארְט וֶועט עֶר טְרֶעפְן וָואס עֶס פֶעלְט אִים, דָאסְמָאל הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן צְווִישְׁן אַלֶע סְפָרִים אַ נַייעֶר סֵפֶר וָואס עֶר הָאט נָאךְ קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעזֶען, אוֹיפְן סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן ״לִקּוּטֵי עֵצוֹת״ דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי סְפָרִים וָואס ר׳ אַהֲרֹן לֵייבּ צִיגְלְמַאן הי״ד הָאט גֶעדְרוּקְט און מֵפִיץ גֶעוֶוען אִיבֶּער גַאנְץ אֵייראָפֶּע, שְׁלֹמֶה׳לֶע הָאט בַּאצָאלְט פַארְ׳ן סֵפֶר און מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ.

אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג אִין שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ דֶער יוּנְגֶער שְׁלֹמֶה׳לֶע גֶעזֶעצְט אִיבֶּערְן סֵפֶר, וֶוען פוּן מִינוּט צוּ מִינוּט שְׁטֵייגְט זַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעפוּנֶען, הִתְבּוֹדְדוּת, חֲצוֹת, תְּפִלָּה, צְעָקָה, וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, פּוּנְקְט דָאס הָאט עֶר גֶעזוּכְט. וֶוער אִיז דֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶער צַדִּיק וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת וָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּיז הַיינְט? אֵיין זַאךְ אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן, ״דָאס אִיז מַיין וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט, מִיט דִי אֱמֶת׳ע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וִויל אִיךְ בְּלַייבְּן״. פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז ר׳ שְׁלֹמֹה אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִינֶעם טוֹיעֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן און זַיין לִיכְטִיגֶע וֶועג, און דָאס מֶער נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי ר׳ שְׁלֹמֹה הָאט אוֹיסְגֶעפָאלְגְט אַלֶע עֵצוֹת

פוּנֶעם סֵפֶר נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן קֵיין אֵיינֶע פוּן זֵיי, לֶערְנֶענְדִיג אֵיינֶע פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אַז וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן גֵיין מַדְרֵגָה לְדַרְגָּה אִין עֲבוֹדַת ה' דַארְף פָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט ר' שְׁלֹמֹה אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶועלְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ אוֹיסְפָאלְגְן אוֹיךְ דִי עֵצָה אוּן שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִין יֶענֶע צַייט אִיז דֶער מַצָּב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אָרֶעם, אַנְטְקֶעגְן דַייטְשְׁלַאנְד וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן פָּארְגֶעשְׁרִיטְן, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער נַייעֶר גֶעדַאנְק פוּנֶעם אִינְגְן בָּחוּר גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע אִין אַלֶעמֶענְס אוֹיגְן בִּפְרָט אַזַא גֶעלוּנְגֶענֶער בָּחוּר, מִיט אַ גוּטֶע קֶעפְּל אוּן אַ גְלַאנְצִיגֶער צוּקוּנְפְט, אַ קִינְד פוּן אַ רַב אוּן פוּן אַזַא וַוארֶעמֶע מִשְׁפָּחָה זָאל זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְן ווִיסְטֶענִיש? קֵיינֶער הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין.

דֶער יוּנְגֶער שְׁלֹמֹה'לֶע הָאט זִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר גֶ'עַקְשָׁנְ'ט מִיט זַיין שְׁטַארְקְן רָצוֹן בִּיז זַיין טַאטֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אַ צַדִיק אוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, הָאט גֶעזֶען דִי אֱמֶת'דִיגְקֵייט פוּן זַיין פַארְלַאנְג, הָאט דֶער טַאטֶע אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ פָארְן אַלֵיין, אִיךְ וֶועל דִיר דַאֲגָה'עְן פַאר דִי הוֹצָאוֹת", מֶען קֶען נִישְׁט שִׁילְדֶערְן דִי מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה פוּן ר' שְׁלֹמֹה הֶערְנְדִיג דֶעם טַאטְנ'ס וֶוערְטֶער. עֶר הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעגְרֵייט אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז עֶר אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף שְׁפְּרַייזְנְדִיג קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶוען עֶר פַארְגֶעסְט נִישְׁט מִיטְצוּנֶעמֶען זַיין טַייעֶרֶע "לִקּוּטֵי עֵצוֹת" צוּזַאמֶען מִיט אִים.

הֶמְשֵׁךְ אי"ה


ר' שלמה וועקסלער אין אלט שטאט

המשך פון די לעצטע זייט




הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין עוֹלָם הַבָּא לִיגְן מֶענְטְשְׁן אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁרַייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערְן קוֹל: "גִיבְּט אוּנְז עֶסְן" מֶען קוּמְט צוּ אוּן מֶען זָאגְט: "דָא הָאט אִיר עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, עֶסְט אוּן טְרוּנְקְט". אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן עֶנְטְפֶערְן: "מִיר דַארְפְן נִישְׁט אַזָאנֶע עֶסְן, מִיר דַארְפְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פוּן תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה.

אַזוֹי אוֹיךְ לִיגְן נַאקֶעטֶע מֶענְטְשְׁן אִינְדְרוֹיסְן אוּן זֵיי שְׁרַייעֶן אוֹיךְ זֵייעֶר: גִיבְּט אוּנְז עֶפֶּעס זִיךְ צוּ בַּאדֶעקְן", וֶוען מֶען קוּמְט אוּן מֶען זָאגְט זֵיי: "דָא הָאט אִיר מַלְבּוּשִׁים".

עֶנְטְפֶערְן זֵיי: "נֵיין, נִישְׁט אַזֶעלְכֶע קְלֵיידֶער פֶעלְט אוּנְז, מִיר בְּרוֹיכְן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים זִיךְ צוּ קְלֵיידְן דֶערְמִיט".

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "וָואוִיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דֶערְנָאךְ טְרִינְקֶען אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן זִיךְ קְלֵיידְן מִיט אַפָּאר מִצְוֹת!".

# לעובדא ולמעשה

אַ איד איז אַמאָל גֶעפָּארְן קַיין מִירוֹן פַּאר יָארְן צוּרִיק אָן קַיין עֶסְן, בָּאךְ אַזַא לַאנְגֶע וֶועג איז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג. יֶענֶע יָארְן איז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי ר' שִׁמְעוֹן אַזוֹי ווִי הַיינְט אַ הַכְנָסַת אוֹרְחִים צוּ עֶסְן אוּן קוֹיפְן איז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען וואו צוּ טְרֶעפְן, אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן נֶעבְן הֵיילִיגְן צִיוּן דֶעם חָסִיד ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ"ל, הָאט דֶער איד גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, ר' שְׁמוּאֵל פַּארְוַויילְט אין מִירוֹן אַ לַאנְגֶע צַייט אֶפְשָׁר הָאט עֶר בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן?! איז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר' שְׁמוּאֵל אוּן גֶעפְּרֶעגְט: "אֶפְשָׁר הָאט אִיר עֶפֶּעס צוּ שְׁטִילְן מַיין הוּנְגֶער", "יָא, קוּם מִיט מִיר," הָאט אִים ר' שְׁמוּאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט "אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר עֶפֶּעס," עֶר איז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין זֶעקְל אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ אַיינְגֶעפַּאקְטֶע רֶעפְטְל בְּרוֹיט מִיט אַ אוּגֶערְקֶע... עֶפֶּעס הָאט נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁמֶעקְט דִי עֶסְן פַאר דֶעם איד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל: "שׁוֹין, לָאז אָפּ, אִיךְ דַארְף נִישְׁט..."

"פַּארְוָואס?" הָאט זִיךְ ר' שְׁמוּאֵל גֶעוואוּנְדֶערְט, הָאט אִים דֶער איד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גְלַייךְ נִישְׁט דִי סָארְט עֶסְן..."

"אַזוֹי?" הָאט זִיךְ ר' שְׁמוּאֵל גֶעוואוּנְדֶערְט, "אָבֶער דֶער רֶבִּי זַ"ל הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז בְּרוֹיט מִיט אוּגֶערְקֶע אִיז אַ גוּטֶער מַאֲכָל...?"

ר' שְׁמוּאֵל הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן רֶבִּי'ן אַז אֲפִילוּ זַיין טָאג טֶעגְלִיכֶער צוּגַאנְג איז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיטְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים.

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט מִיט אִינְגֶעלַייט הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ הָאט מֶען אַמָאל גֶעוָואלְט זֶען וֶוער עֶס איז אַן אֶמֶתְ'ער בְּרֶסְלֶבֶר חָסִיד הָאט מֶען אִים בָּאקְגֶעקוּקְט אוֹיבּ עֶר עֶסְט רוֹיֶע צְווִיבְל.. כָאטְשׁ עֶס זֶעט אוֹיס סְתָּם אַן אַיינְפַאכֶע זַאךְ, עֶר הָאט אָבֶער עֶרְקְלֶערְט אַז פַּארְקֶערְט, אִין גְרוֹיסֶע זַאכְן קֶען מֶען נִישְׁט שַׁאצְן אַ מֶענְטְשׁ וַוייל סְ'איז אַן עֲבוֹדָה צוּ אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, אוּן לֵייגְן כּוֹחוֹת בַּיים דַאוֶונֶען א.א.וו. אָבֶער זִיךְ הִיטְן פוּן צוּ עֶסְן רוֹיֶע צְווִיבְל איז אַ קְלֵיין פְּשׁוּטֶע הַנְהָגָה וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה דֶערְצוּ אוּן יֶעדֶער אַיינֶער קֶען עֶס מְקַיֵּים זַיין, דֶערִיבֶּער אִין דֶעם קֶען מֶען זֶען צוּ אַ מֶענְטְשׁ איז טַאקֶע מְקַיֵּים בִּפְשִׁיטוּת דֶעם רָצוֹן פוּן רֶבִּי'ן אוּן פִירְט זִיךְ לוֹיט זַיין הַנְהָגָה. (שיחות מהרלוי"צ)



# סיפורי מעשיות מעשה י״ג - די זיבן בעטלערס 3

זֶענֶען אַלֶע ׳בֶּעטְלֶערְס׳ גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי מִינִינֶעס [גֶעבּוּרְטְסְטָאג פוּנֶעם קֶענִיג], אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן ׳פְּלֵייש׳ אוּן ׳בְּרוֹיט׳, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ פַּארְנוּמֶען וָואס סְ׳אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן דֶער סְעוּדָה, ׳פְּלֵייש׳ אוּן ׳קוֹילִיטְש׳ [חַלָה].

אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן אַ גְרוֹיסְן גְרוּבּ, וָואס סְ׳זָאל אִין אִים קֶענֶען אַרַיין הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶעדֶעקְט מִיט ׳פְּרוּטֶעס׳ [שְׁטֶעקֶעלֶעךְ], אוּן מִיט ׳עֶרְד׳, אוּן מִיט ׳מִיסְט׳.

אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִין אַלֶע אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען – אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעמַאכְט ׳חֲתוּנָה׳ דִי קִינְדֶער – אוּן זֵיי הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁטֶעלְט אַ ׳חוּפָּה׳ – אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר זֵייעֶר פְּרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען – אוּן דִי ׳חָתָן־כַּלָה׳ זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר פְּרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען.

הָאבְּן זִיךְ ׳חָתָן־כַּלָה׳ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען, דִי חֲסָדִים וָואס הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ הָאט מִיט זֵיי גֶעטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין וַואלְד. אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט: ״וִוי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם ׳עֶרְשְׁטְן־בֶּעטְלֶער׳, דֶעם ׳בְּלִינְדְן׳, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד״?

וִוי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דֶעם ׳בְּלִינְדְן־בֶּעטְלֶער׳ – דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: ״אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה – אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ ׳דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק׳, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ׳אַלְט׳ וִוי אִיךְ – וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָאס גֶעווּאוּנְטְשְׁן, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ׳אַלְט׳ וִוי אִיךְ – הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע, בְּמַתָּנָה גְמוּרָה ׳דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק׳, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי ׳אַלְט׳ וִוי אִיךְ.

אִיר מֵיינְט, אַז אִיךְ בִּין אַ ׳בְּלִינְדֶער׳, אִיךְ בִּין ׳גָארְנִישְׁט־בְּלִינְד׳ – נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר נִישְׁט אָן כְּהֶרֶף־עַיִן (דְהַיְינוּ: וִוי ׳אֵיין־אוֹיגְנְבְּלִיק׳ – אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי ׳בְּלִינְד׳, וָוארְן עֶר טוּט גָאר קַיין שׁוּם ׳קוּק׳ אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט אַרַיין, וָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי אִים גָארְנִישְׁט אָן, אֲפִילוּ וִוי ׳אֵיין־אוֹיגְנְבְּלִיק׳ – אִיבֶּערְדֶעם גֶעשִׁיקְט זִיךְ בַּיי אִים גָארְנִישְׁט קַיין זֶעהְן אוּן קַיין קוּק אִין דֶער וֶועלְט).

וָוארְן אִיךְ בִּין ׳זֵייעֶר־אַלְט׳, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ ׳גָאר־יוּנְג׳, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ ׳לֶעבְּן׳, אוּן בִּין פָּארְט ׳זֵייעֶר־אַלְט׳.

אוּן נִישְׁט אִיךְ אַלֵיין זָאג דָאס, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ ׳הַסְכָּמָה׳ דֶערוֹיף, פוּן דֶעם ׳גְרוֹיסְן־אָדְלֶער׳ – אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה״ – (דָאס רֶעדְט אַלְץ דֶער ׳בְּלִינְדֶער־בֶּעטְלֶער׳).

אַמָאל זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַ סַאךְ שִׁיפְן, אוֹיף דֶעם יַם – אִיז גֶעקוּמֶען אַ ׳רוּחַ־סְעָרָה׳ (דְהַיְינוּ: אַ ׳שְׁטוּרֶעם־וִוינְט׳), אוּן הָאט צוּבְּרָאכְן דִי שִׁיפְן – אוּן דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִיצוֹל גֶעוָוארְן.

זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן גֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳טוּרֶעם׳ – זֶענֶען זֵיי אַרוֹיף אוֹיף דֶעם ׳טוּרֶעם׳, אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעפוּנֶען אַלֶע עֶרְלֵיי ׳מַאֲכָלִים׳, אוּן ׳מַשְׁקָאוֹת׳, אוּן ׳מַלְבּוּשִׁים׳, אוּן וָואס מְ׳בַּאדַארְף – אוּן סְ׳אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען ׳כָּל־טוּב׳, אוּן אַלֶע ׳תַּעֲנוּגִים׳ וָואס אִין דֶער וֶועלְט.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״אַז אִיטְלֶעכֶער זָאל דֶערְצֵיילְן אַ ׳אַלְטֶע־מַעֲשֶׂה׳, וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן ׳זִכָּרוֹן׳ – דְהַיְינוּ: וָואס עֶר גֶעדֶענְקְט, זִינְט סְ׳הָאט זִיךְ בַּיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער ׳זִכָּרוֹן׳״.

אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען ׳אַלְטֶע׳ אוּן ׳יוּנְגֶע׳ – הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם ׳גְרֶעסְטְן־זָקֵן׳ וָואס סְ׳גֶעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי, אַז עֶר זָאל צוּם עֶרְשְׁטְן דֶערְצֵיילְן.

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (דְהַיְינוּ: דֶער 'עֶלְטְסְטֶער־זָקֵן'):
"וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן – אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ, אַז מְ'הָאט אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דָאס 'עֶפֶּעלֶע' פוּן דֶער 'צְוַוייג'".

הָאט קֵיינֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט – לוּשְׁמִיר [נָאר] סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען חֲכָמִים, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "אָוַוא [אָהָא], דָאס אִיז אַ גַאנְץ אַלְטֶע מַעֲשֶׂה".

הָאט מֶען דֶערְנָאךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם 'אַנְדֶערְן־זָקֵן', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְגֶער פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן – הָאט זִיךְ דֶער אַנְדֶערֶער אָנְגֶערוּפְן: "אָט דָאס אִיז אַ 'אַלְטֶע־מַעֲשֶׂה'? (מִיט אַ לָשׁוֹן וִוי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ) – אִיךְ גֶעדֶענְק דִי מַעֲשֶׂה – אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, אַז דָאס 'לֶעכְט הָאט גֶעבְּרֶענְט'".

הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט אָנְגֶערוּפְן: "אָט דָאס אִיז נָאךְ אַ 'עֶלְטֶערֶע־מַעֲשֶׂה' פוּן דֶער 'עֶרְשְׁטֶער'" – אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען, וָואס דֶער 'אַנְדֶערֶער' אִיז זִיךְ 'יוּנְגֶער', אוּן גֶעדֶענְקְט אַ 'עֶלְטֶערֶע־מַעֲשֶׂה' פוּן דֶעם 'עֶרְשְׁטְן'.

דֶערְנָאךְ הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם 'דְרִיטְן־זָקֵן', אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן – אוּן דֶער 'דְרִיטֶער' אִיז נָאךְ 'יוּנְגֶער' גֶעוֶוען – הָאט דֶער 'דְרִיטֶער' זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, אַז סְ'הָאט זִיךְ גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'בִּנְיָן' פוּן דֶער 'פְּרִי', אַז דִי 'פְּרִי' הָאט גָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֶוערְן אַ 'פְּרִי'". הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דָארְט: "דָאס אִיז זִיךְ נָאךְ אַ עֶלְטֶערֶע מַעֲשֶׂה".

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער 'פֶערְדֶער־זָקֵן' אָנְגֶערוּפְן, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גֶעוֶוען: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, אַז מְ'הָאט גֶעפִּירְט דָאס 'קֶערְנְדְל', מְ'זָאל פְלַאנְצְן דִי 'פְּרִי'". הָאט זִיךְ דֶער 'פִיפְטֶער' אָנְגֶערוּפְן, וָואס עֶר אִיז נָאךְ יוּנְגֶער גֶעוֶוען: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, דִי 'חֲכָמִים', וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט דָאס 'קֶערְנְדְל'".

הָאט זִיךְ דֶער 'זֶעקְסְטֶער', וָואס עֶר אִיז נָאךְ 'יוּנְגֶער' גֶעוֶוען, אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, דֶעם 'טַעַם' פוּן דֶער 'פְּרִי', אֵיידֶער דֶער 'טַעַם' אִיז אַרַיין אִין דֶער 'פְּרִי'". הָאט זִיךְ דֶער 'זִיבֶּעטֶער' אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, דֶעם 'רֵיחַ' פוּן דֶער 'פְּרִי', אֵיידֶער דֶער 'רֵיחַ' אִיז אַרַיין אִין דֶער 'פְּרִי'".

הָאט זִיךְ דֶער 'אַכְטֶער' אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ אֲפִילוּ, דִי 'מַרְאֶה' פוּן דֶער 'פְּרִי', אֵיידֶער דִי 'מַרְאֶה' אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶער 'פְּרִי'"

# דער רייינער קוואל

המשך פון זייט 1

וַוייל תְּפִלָּה מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַמְתָּקָה, וָואס קֶען מַמְתִּיק זַיין, זִיס מַאכְן אַלֶע דִינִים מִיט גְזֵרוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט קוּמֶען דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי ר' נָתָן בְּרֶענְגְט דָארְט אַז דִי גְאוּלָה וֶועט קוּמֶען וֶוען עֶס וֶועט וֶוערְן פוּן "יִצְחָק„ - וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף גְבוּרָה וֶועט וֶוערְן "יִשְׂחָק" וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף הַמְתָּקָה אוּן שִׂמְחָה, דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין "אָז יִמָּלֵא שְׂחוֹק פִּינוּ" עֶס וֶועט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעפוּלְט אוּנְזֶער מוֹיל מִיט גֶעלֶעכְטֶער. (מַתָּנָה ה' אות מ')

דִי גְמָרָא זָאגְט טַאקֶע אִין מַסֶּכֶת שַׁבָּת (פ"ט ב') אַז דִי לֶעצְטֶע גְאוּלָה וֶועט זַיין אִין זְכוּת פוּן יִצְחָק אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן דָאס דֶערְלֶעבְן בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (3)

**א. וואו איז געווען די חתונה?**
- ❑ אין א גרויסע זאל
- ❑ אין א שול
- ❑ אין א גרויסע גרוב

**ב. וואס האט דער בלינדער בעטלער געגעבן אלס דרשה געשאנק?**
- ❑ א שיינע הויז
- ❑ אז זיי זאלן זיין אזוי אלט ווי ער
- ❑ א גרויסע פארמעגן

**ג. פארוואס האט דער בעטלער אויסגעזען בלינד?**
- ❑ ווייל ער איז באמת געווען בלינד
- ❑ ווייל ער איז געווען אלט און האט שוין נישט געקענט גוט זעהן
- ❑ ווייל ער קוקט נישט אין דער וועלט

**ד. וואס איז דער בלינדער בעטלער געווען ?**
- ❑ זייער אלט
- ❑ גאר יונג – בכלל נישט אנגעהויבן צו לעבן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט געדענקט דער גרעסטער זקן?**
- ❑ ווען מ'האט אפגעשניטן דאס עפעלע פון די צווייג
- ❑ ווען די ליכט האט געברענט
- ❑ ווען ס'האט אנגעהויבן ווערן א פרי

**ו. וואס האט געדענקט דער פערטער זקן?**
- ❑ ווען מ'האט געפירט די קערנדל
- ❑ די חכמים וואס האבן אויסגעטראכט די קערנדל
- ❑ די טעם פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי

**ז. שאלת זכות: וואס האט געדענקט דער אכטער זקן?**
- ❑ די ריח פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי
- ❑ די מראה פון די פרי נאך פאר ס'איז אריין אין די פרי
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

איך ווען איז געזאגט געווארן? איך בין זייער אַלט, איך ווען איז געזאגט געווארן ? איך בין נאָך גאָר יונג, איך ווען איז געזאגט געווארן ? איך האָב נאָך גאָר ניט אָנגעהויבן צו לעבן.

ווער געדענקט מער, דער עלצטער אדער דער יונגסטער?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וואו נאך ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א "ידיד"? **אין מעשה י"א דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו**

אין וועלכע מעשה ווערט דערמאנט א אינגעלע מיט א מיידעלע וואס זענען אלט פיר יאר? **אין מעשה ה' דער בן מלך פון אבנים טובות.**

אלע בעטלערס האבן זיי געבענטש איי זיי זאלן זיין אזוי ווי זיי – ביי וועלכע בעטלער האט דער רבי מפרש געווען וואס ער האט זיי געבענטשט? **דער בלינדער בעטלער** – "איר זאָלט זיין אַזוי אַלט ווי איך"

זיי זענען געגאנגען אויף אלע שמחות – וואספארא שמחות איז דער רבי מפרש? **אויף בְּרִית'ן און אויף חתונות**

וויפל מאל ווערט דערמאנט אין ספורי מעשיות א "חתונה"? **אין מעשה ב' דער מלך און דער קיסר, אין מעשה י' דער בערגיר מיטן ארימאן, אין מעשה י"ב דער בעל תפילה - ביי די בת פון שמחה, און אין די מעשה פון די זיבן בעטלערס.**

**גורלות בעז"ה קומענדיגע וואך**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

המשך פון פאריגע וואך

דֶער רָב פוּן שׁוּל גֵייט אִינְאֵיינֶעם מִיטְן אָפְּגֶערִיסֶענֶעם אָרִימַאן קוֹיפְן צִיצִית, נָאךְ וָואס ר׳ יוֹסְל הָאט אִים גֶעשַׁאפְט אַ שֶׁפַע פוּן קְלֵיידֶער, עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען.

אוֹיפְן וֶועג כַאפְּט דֶער רָב אַ שְׁמוּעֶס אוּן שְׁטֶעלְט אִים פְרַאגֶען: ״וִוי אַזוֹי הֵייסְטוּ?״

״יְרַחֲמִיאֵל״ עֶנְטְפֶערְט דֶער אָרִימַאן.

״דֶער אֱמֶת״ פְרֶעגְט דֶער רָב, ״עֶס טוּט מִיר לַייד דִיךְ צוּ זֶען מִיט אַזוֹינֶע צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, וְויאַזוֹי בִּיסְטוּ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא צוּשְׁטַאנְד?״

יְרַחֲמִיאֵל אִיז אוּמְזִיכֶער, עֶר פָארְכְט צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן זַיינֶע אִינֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת, אָבֶער עֶר עֶפְנְט זַיין מוֹיל מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל אוּן הֵייבְט אָן דֶערְצֵיילְן.

״אִיךְ קֶען אַייךְ אַנְטְפְּלֶעקְן דֶעם אֱמֶת, טַייעֶרֶער רָב, אִין אֱמֶת׳ן בִּין אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אָרִימַאן, פַארְקֶערְט, אִיךְ פַארְמָאג גָאר אַ גְרוֹיס פַארְמֶעגְן אוּן זִיכֶער הָאבּ אִיךְ שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע קְלֵיידֶער.

נָאר אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג אַ שְׁטְרָאף, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְשֶׁעמְט אֵיינֶעם פוּן דִי חָשׁוּבֶ׳ע הַארְן אוּן אָפְּגֶעלַאכְט פוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער,



## פַּאסִיגֶע קְלֵיידוּנְג

הָאבּ אִיךְ פַארְדִינְט אַ שְׁטְרָאף צוּ דַארְפְן גֵיין אִין גַאס פַארְשֶׁעמְט וִוי אַן אָפְּגֶעשְׁלִיסֶענֶער אָרִימַאן פַארְשֶׁעמְט אוּן פַארְבִּיטֶערְט. דָאס אִיז מַיין עוֹנֶשׁ! קַיין קְלֵיידֶער פֶעלְט מִיר נִישְׁט נָאר אַנְדֶערֶע סָארְט קְלֵיידֶער דַארְף אִיךְ, בְּגָדִים וָואס קֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי רֶעגִירוּנְג׳ס לַייט. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ זִיךְ אַהִינְצוּטוּן, וָואס קֶען אִיךְ יֶעצְט טוּן...?

דֶער רָב, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן צַדִיק נֵייגְט צוּ זַיין אוֹיעֶר צוּ יֶעדֶעס וָוארְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט גוּט דֶעם מַצָב, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: ״אִיךְ הֶער וָואס דוּ זָאגְסְט... יוֹסְלֶ׳ן הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין קְלֵיידֶער, וֶוען בֶּאֱמֶת פֶעלְט דִיר נִישְׁט קְלֵיידוּנְג אָדֶער עֶסְן, נָאר דוּ פַארְמָאגְסְט נִישְׁט וָואס דִי דַארְפְסְט בֶּאֱמֶת הָאבְן, אַנְדֶערֶע סָארְט קְלֵיידֶער אִינְגַאנְצְן״.

דֶער רָב פִירְט זַיינֶע טְרִיט צוּם פַּאלַאץ פוּן קֶענִיג אוּן מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה שְׁמוּעֶסְט עֶר אַרוּם וֶועגְן דֶעם עוֹשֶׁר – גֶעשְׁטְרָאפְטֶער אָרִימַאן. דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם קֶענִיג הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט אוּן גֶענוֹיגְט זַיין הַארְץ אִים צוּ מְוַותֵּר זַיין, אִים מוֹחֵל זַיין אוּן עֶרְלוֹיבְּן צוּרִיק צוּ גֵיין מִיט זַיינֶע אַמָאלִיגֶע בְּגָדִים אוּן צוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

אִין הֶמְשֵׁךְ פוּן שִׂיחָה כ״ג בְּרֶענְגְט ר׳ נָתָן: אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶעהֶערְט אַן עֶנְלִיכֶע שִׂיחָה, דֶער רֶבִּי

המשך אויף זייט 3

הגליון נתנדב ע״י
הר״ר הערשל ווייס הי״ו
לרגל אריסי הבת למזל טוב

הגליון נתנדב ע״י
הר״ר פנחס דוד וועבערמאן הי״ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע״י
הר״ר אברהם קארנבלי הי״ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב